בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ה' פ' ויצא | תשע"א | סוטה: מ"ו:

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ד' ווי דער רבי שליט"א איז שטארק נתפעל געווארן איבער דעם ווארעמען דאווענען פון די בחורי חמד, זייענדי'ג דאס ערשטע מאהל וואס דער רבי שליט"א איז דארט אויף תפילת שחרית זינט דאס זיך אריבערציען אין נייעם בנין הישיבה.

## באזוך ביי מרן רבינו שליט"א

אין די נאכמיטאג שעות איז כ"ק אדמו"ר מ'תולדות אברהם יצחק שליט"א – וועלכער ווײלט אצינד אין ניו יארק לטובת די הייליגע מוסדות תולדות אברהם יצחק בארה"ק – געקומען צום רבי'ן שליט"א אויף א באזוך ווי עס איז אנטוויקעלט געווארען א שיינער שמועס בדברי תורה וחסידות.

## קביעות מזוזה ומסיבת לחיים אין ביהמ"ד סט. 8 סט. אין ומסב"ג

היינט אינדערפרי האט דער וויליאמסבורגע'ר רב שליט"א געדאווענט שחרית אין בית מדרשינו אויף סט. אכט סט. אין ומסב"ג ווי עס איז נאכ'ן דאווענען פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל ברד"ש גאלדבערגער הי"ו.

לרגל דעם געלעגנהייט זענען די גבאי הביהמ"ד נעכטן אריין למעונו פון רב שליט"א און געלאדענט דעם רב צו קומען דאווענען אין ביהמ"ד און קובע זיין די מזוזה צו אט דעם מקום תורה ותפילה.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית, און דערנאך האט דער רב שליט"א קובע געווען די מזוזה מיט די השתתפות פון צענדליגער מתפללי הביהמ"ד שיחיו, און אויך האט הרה"ג ר' חיים אהרן אונגאר שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד קובע געווען א מזוזה ביים בית הוראה שע"י הביהמ"ד.

דאן איז פאהרגעקומען א שיינער מסיבת לחיים לכבוד המאורע ווי עס האט אויפגעטרעטן דער רב שליט"א און ארויסגעברענגט די גוטע גריסן וואס מ'הערט ב"ה צירוק פון אט דעם ביהמ"ד

אין אזא קורצע צייט אפשניט זינט זי האט געעפענט אירע טויערן, און ארויסגעברענגט לשבחו פונעם חשוב'ן דיין שליט"א וועלכע לייגט אריין כוחות אין די חלק הרוחני פונעם ביהמ"ד.

דאן האט דער דיין שליט"א אויפגעטרעטן מיט ד"ת אין וועלכע ער האט ארויסגעברענגט אז דאס ביהמ"ד קומט א גרויסן דאנק פאר'ן רב שליט"א וועלכער האט אסאך ארויסגעהאלפן און צוגעלייגט צו עקסיזטענץ פונעם ביהמ"ד.

## שמחה בבית הגה"צ רב ודומ"ץ ד'קהלתינו לעיקוואד שליט"א

היינט נאכט קומט פאהר דער שמחת החתונה פון בת הגה"צ רב ודומ"ץ דקהלתינו הק' פון לעיקוואד שליט"א, מיט די חתן בן הרה"צ רבי מרדכי לייפער שליט"א אדמו"ר מ'נאדבורנא-לאנדאן, אין די זאל פון תורת אהרן אין לעיקוואד, ווי עס וועלן זיך אי"ה משתתף זיין אנ"ש בני קהלתינו הק' פון לעיקוואד און זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון דעם חשוב'ן רב שליט"א.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.